**גוט שבת אלע אידן.** לעצטע וואך האט מען אנגעפאנגען צו דערציילן דעם מוראדיגען מעשה פון חסד ווי הרב יצחק דוד גראסמאן שליט"א האט מקרב געווען זעקס הונדערט "מילואים" סאלדאטן אין מיטן די לעצטיגע לבנון מלחמה. ווען מען האט געענדיגט לעצטע וואך האט מען דערציילט אז ווען די סאלדאטן זענען אוועקגעגאנגען פון די ישיבה צוריק צו די מלחמה, דעמאלט האט רב גראסמאן געגעבן א האלבע שקל שליח מצוה געלט–שמירה מטבע צו יעדען סאלדאט. און ער האט געהייסן אז די סאלדאטן זאלן געבן די געלט צו צדקה נאך די מלחמה. עס איז געווען פאר זיי א "סגולה" איבערצולעבן די מלחמה. יעצט לאמיר ענדיגען דעם מעשה...

צוויי וואכן נאכדעם וואס די סאלדאטן האבן פארלאזט דער ישיבה, האט רב גראסמאן באקומען א טעלעפאן קאל בחצות הלילה. "רב גראסמאן..." האט דער מענטש געזאגט אויפן ליין, "אייערע תפילות זענען ברוך השם געענטפערט געווארן... מיר (סאלדאטן) זענען ב"ה אלע בסדר, יעדער איינער האט דורכגעלעבט די מלחמה! מיר זענען אויפן וועג צו "מגדל אור" יעצט און מיר גיין אנקומען בערך צוויי אזייגער (אין מיטן די נאכט).

רב גראסמאן האט אראפגעלייגט די טעלעפאן און ער האט גלייך אויפגעוועקט די ישיבה קעכערס און ער האט געהייסן אז זיי זאלן צוגרייטן א סעודת מצוה פאר די סאלדאטן. נאכדעם האט רב גראסמאן געזוכט א שפילער צו קומען שפילן מוזיק פאר די סאלדאטן. מענטשן זענען נתפעל געווארן, פארוואס האט דער רב געוואלט מוזיק אין מיטן די נאכט, זיי האבן געמיינט אז משיח איז געקומען! א שטיק צייט שפעטער האט רב גראסמאן ערלעדיגט דעם שפילערס.

צוויי *שעה* שפעטער זענען די באסעס אנגעקומען צו דער ישיבה. טישן מיט עסן זענען גרייט געווען פאר די סאלדאטן ווען זענען אראפגעקומען פון די באסעס. די שפילערס האבן געשפילט. רב גראסמאן האט באגריסט יעדען סאלדאט פערזענליך, אזוי ווי א טאטע נעמט אויף זיינע קינדער וואס ער האט פאר א לאנגע צייט נישט געזען. די "קבלת פנים" האט גענומען זייער לאנג, ווייל יעדער סאלדאט האט געוואלט זאגן זיין "מעשה" ווי אזוי ער איז גראטעוועט געווארן דורך נסים. רב גראסמאן איז איבערגענומען געווארן פון שמחה און התרגשות. עס האט אויסגעקוקט ווי יעדער סאלדאט האט זוכה געווען צו א נס אין די מלחמה!

איינער פון די סאלדאטן, א לויער וואס האט געוואוינט אויף א קיבוץ, וואס איז בכלל נישט פרום געווען, האט דערציילט ווי אזוי ער אליינס איז גראטעוועט געווארן דורך א נס.

ער האט דערציילט ווי אזוי ער איז געווען בעהאלטן מיט אנדערע סאלדאטן אין אלטע הויז אין א קליינע דערפל אין לבנון. זיי האבן זיך באהאלטן דארט אינמיטן די נאכט. זיי האבן געזיצן דארט שטילערהייט נישט וועלען זיין באמערקט. חוץ דעם וואס זיי האבן געדארפט זיין שטיל, האבן זיי נישט געמעגט אנצינדען קיין לייט, כדי די אראבער זאלן זיי נישט באמערקען. איינע פון די סאלדאטן האט אבער געמאכט א טעות, ער האט אנגעצינדען א סיגארעטל. גלייך ווען יענער האט אנגעצינדען דעם פייער, האבן זיי געהערט ווי די טערוריסטן האבן געשאסן א מיסל אויפ'ן הויז וואו זיי האבן זיך באהאלטן. זיי האבן נישט געהאט אסאך צייט ארויסצושפרינגען פונעם הויז.

דעמאלט איז א מוראדיגע נס געשען, א גרופע ווילדע פערד איז פלוצלינג געקומען פון ערגעץ נישט! די ווילדע פערד זענען געלאפן אין פראנט פון דעם מיסל, און דורך דעם איז די מיסל נישט אנגעקומען צו די סאלדאטן! גארנישט איז געשען צו זיי! עס איז קלאר געווען צו זיי אז עס איז געקומען פון הימעל דורך דעם שליח הרב גראסמאן.

די סאלדאטן האבן געגעסן א סעודת מצוה. די סעודה איז געגאנגען ביז די עלות. נאכדעם האט יעדער איינער געבענטשט גומל. זיי האבן געטאנצן און געזינגען ביז זיי האבן געזען די זון קומט ארויף.

ביזן היינטיגען טאג, האלט רב גראסמאן א נאנטען קשר מיט די סאלדאטן, זיינע "בחורים." מיט זיין חסד און ווארעמקייט האט רב גראסמאן געמאכט אז אלע פון די סאלדאטן זאלן שפירן אזוי ווי איין גרויסע משפחה, מט דעם צדיק רב גראסמאן שליט"א אלץ זייערע "טאטע."

אין די וואכעדיגע פרשה, רעדט די הייליגע תורה וועגען די מצוה פון פרה אדומה. איינע פון די אינטערעסאנטע בחינות פון דער מצוה איז, אז עס האט *"מטהר טמאים, ומטמא טהורים."* פון דא קען מען ארויסנעמען א געוואלדיגע מוסר השכל, ד"ה מען דארף טון פאר יענעם אפילו עס איז גורם א שאדן פאר זיך! אין אמתן אריין איז דאס איינע פון די עיקרים פון זיין א חסיד, *שטענדיג זוכן ווי אזוי מען קען טון טובות פאר אידן.* אזוי ווי דער סאטמאר רב זצוקללה"ה האט אמאל געזאגט "א חסיד איז איינער וואס איז מוסר נפש צו טון א טובה פאר א איד." (געהערט פון ר' יוסף חיים גרינוואלד שליט"א) כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א זאגט אז די גרעסטע שמחה איז ווען מען קען טון א טובה פאר א איד. בכלל זעט מען פון דער מעשה ווי דער רב גראסמאן האט מקרב געווען די סאלדאטן מיט זיינע חסדים. רב גראסמאן איז א דוגמה פאר אונז אלע.

אמאל קען עס זיין א טרחה צו טון פאר יענעם. אבער דורך טון דעם "חסד" פאר יענען, ווערט מען ראוי צו ווערן אנגערופן א "חסיד." **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת הנינה בת הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א בן בנו הרה"צ רבי יצחק שליט"א

מזל טוב להרה"צ רבי צבי אלימלך האלבערשטאם שליט"א לרגל שמחת לידת נכדתו

מזל טוב לידידי ר' אברהם דוב מאיר בייער שליט"א לרגל שמחת לידת בתו

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של הילד צבי אלימלך בן שיינדל, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים. לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל.

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)**

**מדה טוב מרובה! אויב מ'רעדט דברי תורה און תפילה אין שול איז מען מוסיף חיים, "כי הם חיינו ואורך ימינו..."**